א גרוס פון
# בית פיגא

פרשת שמיני

כ"ב אדר ב' תשפ"ב

יאר 2 גליון 46

## נייעס אין בית פיגא

**שטעטל**: לעצטע וואך איז פארגעקומען א פרייליכע פראגראם לכבוד פורים! א קארניוואל מיט געשמאקע געימס, פארשטעלאכץ, סלאש, קאטן קענדי... די מיידלעך האבן הנאה געהאט א יעדע מינוט! א גרויסן יישר כח פאר די עלטסטע קלאס וואס האט דאס אלעס אזוי שיין אהערגעשטעלט!

## מזל טוב!

**ברכה און חני קורץ צו זייער שוועסטערס חתונה!**

**שפרה און מירל פעלבערבוים צו זייער שוועסטערס חתונה!**

**גאלדי און פייגי בוים נייע פלומעניק!**

## פון אונזערע לערערינס

לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי',

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס דאס מיינט פאר מיך, ווי איך בין זיך מחי' דיך צו זעהן יעדע צופרי מיט אזא פרישקייט און שמייכל...

איך בין אזוי איבערגענומען פון דיין גוטע באנעמונג, ווי דו ביסט אזוי פאזיטיוו, אפילו ווען עפעס גייט פארקערט, און דו געבסט נישט אויף.

זאלסט וויסן אז דו האסט א גוטע השפעה אויף די מיידלעך ארום דיך, ווייל דיין שמייכל כאפט זיך אריבער צו אנדערע!

מיט ליבשאפט,
מרת לעזער

# מעשיות פון תפילה

### מלכי בירנבוים

ביי די שבת התוועדות האב איך געבעטן די אייבערשטער אז איך וויל מאכן הפצה. איך האב באמערקט ווי א מיידל זיצט אליין, בין איך איך צוגעגאנגען צו איר און שכח אייבערשטער איך האב געשמועסט מיט איר און עס איז געווען א גרויסע הפצה!

קרית ברסלב

### מרים עלקי אביש

איין טאג בין איך אויפגעשטאנען אביסל שפעט, און ווען די קאר איז אנגעקומען בין איך נאכנישט נישט געווען אינגאנצן גרייט. איך האב נישט געקענט טרעפן מיין שיך. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס שנעל טרעפן. שכח אייבערשטער איך האב געטראפן מיין שיך און ארויסגעלאפן צו די קאר!

קרית ברסלב

### חי לאה זינגער

פורים האב איך געבעטן די אייבערשטער אז מיר זאלן קענען זיין ביי מיין באבעס הויז, שכח אייבערשטער אז מיר זענען געפארן און איך האב מיך געקענט טרעפן מיט אלע מיינע קאזינס!

קרית ברסלב

### חילע היימליך

איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען גיין צו די מלוה מלכה אין שוהל, שכח אייבערשטער אז איך בין געגאנגען און איך האב זייער שטארק הנאה געהאט פון די שיעור און די שיינע שפיל!

קרית ברסלב

### פערעלע רייך

איך האב זייער שטארק געוואלט גיין צו די שבת התוועדות. וואס טראכסטו איך האב געטון? יא, איך האב געבעטן די אייבערשטער און שכח אייבערשטער אונזער גאנצע משפחה איז געגאנגען!

וויליאמסבורג

### עטי ראטה

איין טאג האב איך נישט געהאט וואס צו טון און איך האב געטראכט אז איך וויל אז א מיידל זאל קומען צו מיין הויז. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז זי זאל וועלן קומען און איר מאמע זאל לאזן. שכח אייבערשטער מיין חבר'טע איז געקומען און מיר האבן ביידע זייער הנאה געהאט!

וויליאמסבורג

### חי רבקי מייער

מיין זייגער האט נישט געארבעט און איך האב עס זייער וויכטיג געדארפט האבן. איך האב גענוצט די עצה וואס העלפט אייביג- תפלה. שכח אייבערשטער אז מיין זייגער האט צורוק אנגעפאנגען ארבעטן ווי ניי!

וויליאמסבורג

### אדי קרויס

איך האב מיך געוואלט פארשטעלן עפעס א שיינע זאך אן דעם וואס איך זאל מוטשענען און משוגע מאכן מיין מאמע. איך האב אנשטאטס דעם געבעטן די אייבערשטער אז מיין מאמע זאל מיך לאזן פארשטעלן ווי א קלאוין און שכח אייבערשטער אז מיין מאמע

וויליאמסבורג

## שכח אייבערשטער פאר בית פיגא!

# א מעשה פון א צדיק

יארן צוריק האט פאסירט די באלערנדע מעשה:

מוהרא"ש'ס עלטערן האבן זיך צוגעגרייט צו פארן קיין ארץ ישראל. עס האט געהייסן אז מוהרא"ש פארט אויך, אבער ער לאזט זיך ארויס אביסל פריער. מיט זיין גוט הארץ, האט ער זיך אנגעטראגן פאר זיין טאטע מאמע צו נעמען זייערע באגאשן. זיי האבן אים אהינגעגעבן די רענצלעך. דערנאך זענען זיי איבערגעבליבן מיט עטליכע זאכן וואס איז נישט אריין אינעם רענצל. די זאכן האט מוהרא"ש אריינגעלייגט אין זיין אייגענע רענצל. זיינע עלטערן האבן אבער נישט אויסגעקוקט צו רואיג דערמיט. מוהרא"ש האט זיי בארואיגט אז ער וועט דאס בעז"ה נישט פארגעסן. מיט דעם אלעם האבן זיי עס נישט געגעבן מיט א גרינגע הארץ... אבער דאך האבן זיי עס אהינגעגעבן. מוהרא"ש האט עס באמערקט. ער האט זיי נאכאמאל פארזיכערט אז ער וועט נישט פארגעסן. זיי האבן אבער נאכאלץ נישט אויסגעזען רואיג.

לכבוד דעם האט מוהרא"ש באשטעלט א טעקסי, און געבעטן דעם דרייווער צו פארן צו מוהרא"ש'ס הויז, אפנעמען זיין רענצל, און עס דא אהערברענגען. ווען דער דרייווער האט געענדיגט זיין פליכט, האט מוהרא"ש געוויזן פאר זיינע עלטערן ווי ער לייגט אריין זייערע זאכן אינעם רענצל, און ערשט דאן זענען זיי געווען אינגאנצן רואיג.

**"טייערע מיידלעך, לאמיר כאטש אביסל נאכמאכן מוהרא"ש מיט זיין געוואלדיגע כיבוד אב ואם, וועלן מיר זוכה זיין צו ערליכע דורות!"**

*געשריבן דורך: פייגי טייטלבוים*



# שארף דיין מח






# Recipe

## Starbucks cookies



## Recipe:

1 ½ cup granulated brown sugar

1 cup sugar

2 sticks margarine

¾ cup oil

1 tbsp vanilla sugar

2 eggs

4 cups flour

2 tsp baking soda

1 tsp salt

½ bags chocolate chips

Parve chocolate bar

## Directions:

Preheat oven to 350°. In mixer, cream first 3 ing., scrape sides, mix again. Add remaining ing., mix to combine. Form large balls using ice cream scoop. Place on cookie sheet with parchment paper. Chop chocolate into small pieces. Press 3 chunks into each cookie. Bake for 18 minutes. Do not overbake.

**געדענק צו בעטן דער אייבערשטער אז ס'זאל אויסקומען זייער גוט!**

# א שיעור
# פונעם ראש ישיבה שליט"א

קוואל פון חיזוק 212-444-9169, דערנאך דריקט 2-3-3 שיעור 85



1) די יצר הרע פרובירט צו__________ שבת אין א אידישע שטוב.

2) ער מאכט שבת אויסקוקן ווי די__________ טאג.

3) דער הייליגער רבי זאגט: "די גן עדן און גהינם זענען__________."

4) "הייליגער באשעפער העלף אז עס זאל מיך גארנישט__________."

5) א מענטש וואס לעבט פאר יענעם איז אין__________.

6) וואס הייסט א צדיק? איינער וואס__________.

7) איינער וואס רעדט צום אייבערשטן שפירט ווי__________.

8) ספר תהלים איז אזויווי א__________.

9) א שידוך קומט נאר פונעם__________.

10) מען דארף אכטונג געבן צו זיין זייער__________.

11) אז מען __________ האט מען א געבענטשטע טאג.

12) איין שיינע זאך וואס איך לערן זיך פון די שיעור______________________.

# א בילד רעדט מער פון טויזנט ווערטער



געלויבט דעם אייבערשטן אז אין בית פיגא לערנען די מיידלעך וויכטיגע זאכן וואס וועט זיי ארויסהעלפן שפעטער אין לעבן.



רייכע נאכטמאל געקאכט
און הערליך צוגעגרייט
דורך גיטי און שרי אפפעל
(עלטסטע קלאס
וויליאמסבורג).

## וויאזוי קען איך געבן קאמפלימענטס, ווען איך דארף נאך צוקומען צו דעם?

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א תלמידה פון "בית פיגא", מיינע לערערינס רעדן כסדר פון געבן גוטע ווערטער און קאמפלימענטס פאר יעדן איינעם, איך וויל זייער שטארק געבן קאמפלימענטס, אבער איך שפיר אז איך קען עס נישט טון ווייל איך אליין דארף נאך אנקומען צו א גוטווארט פון יענעם צו ווערן פריילך.

יישר כח



## ענטפער פונעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת השם יתברך

יום ד' פרשת בהעלותך, י"ח סיון, שנת תש"פ לפרט קטן

...תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

ווען מען געבט פאר אנדערע גוטע ווערטער- דאס אליינס בויט אויף דעם מענטש, און דאס מאכט אז מען זאל באקומען גוטע ווערטער.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן: "איזהו מכבד", ווער איז אן אנגעזענער מענטש? "המכבד את הבריות", דער וואס געבט פאר יעדן איינעם אויפמערקזאמקייט.

דו קענסט פרובירן אנצוהייבן ביי יונגע קינדער; ווען דו זעסט מיידלעך וואס זענען אין דיין יארגאנג, אדער יונגער פון דיר- זאלסטו זיי געבן גוטע ווערטער. א גוט ווארט אויף זיי אדער אויף זייער אנטואכץ, ווי למשל אויף זייערע קליידער, שיך וכדומה; דאס וועט דיר אויפבויען אז דו זאלסט ווערן שטארק מיט דיר.

וואס דו דארפסט בעט "נאר" פונעם אייבערשטן; ווי מער מען רעדט צום אייבערשטן ווערט מען זייער זיכער מיט זיך.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.